בלאָטיקע טעג

ראָמאַן פון אידישן לעבן אין דער צייט פון די ערשטע יאָרן פון דער וועלט מלחמה

פון י. נאָרמאַן

(פאָרזעצונג)

פאַן זאַליעסקי איז בלאַס געוואָרן, ער האָט אָפּגעלאָזן טויבע׳ן און ער האָט זיך איינגעהערט.

איצט האָט ער דערהערט קלאָר א גע־מיש פון מענשלאַכע שטימען און א קראַ־כען פון דער טיר. דער דערשראָקענער פּאַליאַק האָט געוואָלט אַרויסלויפן פון צימער; אָבער אין דעם דאַזיקן אויגנבליק איז די טיר אויפגעבראָכן געוואָרן און ער איז אַריינגעלאָפן אין די אָרעמס פון שלמה ראַגאַווין מיט זיינע חברים.

— דאָס איז דאָך ראַגאַווין! — דער רעוואָלוציאָנער! — האָט דער פּאַליאַק א געשריי געטאָן און ער איז געוואָרן בלאַס ווי קרייד.

— יאָ, דאָס בין איך, דו לומפּ! — האָט ראַגאַווין געענטפערט, א כאַפּ טוענ־דיק דעם פּאַליאַק ביי׳ם קאַרק. — ענד־לאָך וועסטו זיך אויך איבערצייגן, אז ניט יעדער איד הנפ׳עט זיך צו דעם פּריץ און זינגט צו אים מה־יפית.

ער האָט איצט דערזען דער אָרימער טויבע׳ן ליגן א געבונדענע און ער האָט מיט׳ן מעסער שנעל איבערגעשניטן די שטריק.

— איך ווייס וויפיל דו האָסט איבערגעליטן, טויבע, — האָט ער צו איר געזאָגט, — אָבער גלויב מיר, אז איך וועל פאַר דיר ראַכע נעמען?

פון דער מיידל׳ס אויגן האָבן זיך גע־גאָסן טרערן, אלס זי האָט שנעל אַרויפגע־וואָרפן אויף זיך אירע קליידער. איר גע־זיכט האָט זיך באַגאָסן מיט א טיפער רויטקייט פון שאַנדע, וואָס מענער האָבן איר געזעען האַלב נאַקעט; נאָר ווען זי איז שוין געווען אַנגעטאָן האָט זי אריינ־גערופן אין צימער סעמיאָנען מיט די אַנ־דערע חברים.

— מירקין און בלוישטיין, — האָט זי געזאָגט, — זאָלן בינדן דעם פּאַליאַק און אים גוט באַוואַכן; מיר מוזן אַלע גיין באַ־פרייען די אומגליקלאַכע מיידלאַך, וועל־כע זיינען דאָ געפאַנגען. — אַך ווען איר זאָלט וויסן ווי יענע אומגליקלאַכע מייד־לאַך וועלן אייך דאַנקען און וויפיל זיי וועלן אייך די הענט קושן פאַר זייער באַ־פרייאונג.

טויבע האָט ניט איבערטריבן. די סצע־נעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט, ווען ראַגאַווין מיט זיינע חברים האָבן אויפ־געבראָכן די טירן פון די קאַמערלאַך און דערקלערט די מיידלאַך אלס פריי, זיינען געווען רירנדע און האַרץ רייסנדע. אין איין קעמערל האָבן זיי נאָך געפונען א דייטשע אָפיצער, וועלכער האָט געהאַלטן אין זיינע הענט א נאַקעטע מיידל, נאָך גאָר א קינד, און וועלכע האָט זיך געצאַ־פּעלט אין זיינע הענט, ווי א פליג אין שפּין וועב. ראַגאַווין האָט געכאַפּט דעם יונקער און ער האָט אים דורכגעשליי־דערט דורכ׳ן פענסטער פון דעם צווייטן שטאָק, אז מען האָט געמיינט, דאָס די ביינער זיינען אים צעשאָטן געוואָרן.

דאַן האָבן זיי זיך צוריקגעקערט אין דעם צימער וואו פאַן זאַלעסקי איז גע־לעגן באַוואַכט.

— און איצט, דו פרויען הענדלער, וועסטו באַצאָלן פאַר די ליידן פון די אומגליקלאַכע, — האָט ראַגאַווין גע־רעדט מיט א שרעקלאַכער שטימע, — דו וועסט באַצאָלן פאַר די יונגע לעבנס, וואָס דו האָסט צעבראָכן.

— האָט רחמנות, — האָט פאַן זאַ־ליעסקי זיך געבעטן, ציטערנדיק ווי א בלאַט, — איר ווייסט דאָך, אז דאָס אַלץ איז די שולד פון די דייטשן.

דאַ האָט זיך ראַגאַווין ניט געקאָנט מער באַהערשן און ער האָט דעם פּאַ־ליאַק אַראָפּגעלאָזן א פייערדיקן פּאַטש.

— לומפּן זייט איר, אַלע אייערע פּוי־לישע שליאַכטעס! — האָט ראַגאַווין צו אים געדונערט, — איר אליין העצט קע־גן אידן; איר באַגייט אַלע פאַרברעכנס קעגן די אומגליקלאַכע אידן, מיט וועלכע איר לעבט צוזאַמען שוין זייט הונדערטע יאָרן, און די שולד וואַרפט איר אויף אַנ־דערע, אויף די דייטשן. איר אליין האָט פאַרראַטן פּוילן, צו די דייטשן. איר זייט שולדיק אין די אַלע אומגליקן, וואָס דאָס פאָלק ליידעט. און דו און דיינע חברים זאָלן דערפאַר באַצאָלן.

— לאָזט מיר נאָר אָפּ דעם דאַזיקן מאָל — האָט דער פּאַליאַק זיך געבעטן און עס האָט אים געקלאַפּט א צאָן אין א צאָן פון שרעק. — איר וועט זעען, אז איך וועל זיך בעסערן.

— אפשר וועסטו אים טאַקע לאָזן לויפן דעם דאַזיקן מאָל, — האָט בלוי־שטיין געפּרובט בעטן, — איך גלויב דאָ, אז ראַכע איז ניט קיין אידישע מידה.

— און איך האָב דיר שוין לאַנג גע־זאָגט, אז די אמת׳ע נקמה פון א שונא, — האָט ראַגאַווין גערעדט אויפגערעגט, — ווען אידן וואָלטן געקאָנט נעמען נקמה וואָלטן זייערע שונאים פאַר זיי מורא גע־האַט, די אַנטיסעמיטן וואָלטן ניט גע־הויבן אַזוי פיל דעם קאָפּ. ניין, איך וויל לערנען די אידן, אז זיי זאָלן יאָ נעמען ראַכע, דער לומפּ מוז שטאַרבן.

(פאָרזעצונג קומט)

אין צער און טרויער אויף דעם פריצייטיקן טויט פון

מר. זעליק סלוצקער ע״ה

(עדמאָנטאָן)

זעליק סלוצקער ע״ה

(עדמאָנטאָן)

אין טיפן טרויער שטייען מיר ביים פרישן קבר פון דעם פריצייטיק פאַרשטאָרבענעם געוועזענעם מיטגליד פון אונזער עדמאָנטאָנער קהלה. מיר דריקן אויס אונזער טיפ־סטען מיטגעפיל צו דער אלמנה און יתומים און צו דער גאַנצער משפחה אין זייער שווערן פאַרלוסט.

המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים

עדמאָנטאָנער היברו אַסאָסיאיישאָן

זעליק סלוצקער ע״ה

(עדמאָנטאָן)

אין טיפן צער און טרויער שטייען מיר מיט גע־בויגענע קעפּ ביי זיין פריצייטיקן קבר און מיר באַדויערן דעם גרויסן פאַרלוסט פון אונזער חברה.

מיר דריקן אויס אונזער האַרציקן מיטגעפיל צו זיין פרוי און קינדער און צו דער גאַנצער פאַמיליע אין זייער גרויסן פאַרלוסט.

גאָט זאָל אייך אַלעמען טרייסטן און איר זאָלט שוין מער קיינמאָל פון קיין צער ניט וויסן.

חברה משניות פון עדמאָנטאָן

זעליק סלוצקער ע״ה

(עדמאָנטאָן)

אין טיפן טרויער ערן מיר זיין ליכטיקן אָנדיינק. מיר שיקן אונזער טרייסט צו זיין פרוי און קינדער אין זייער גרויסן פאַרלוסט און מיר ווינשן זיי מער קיינמאָל פון קיין צער ניט וויסן.

מר. און מרס. א. קריסטאַל

זעליק סלוצקער ע״ה

(עדמאָנטאָן)

צו דער פרוי און דער גאַנצער פאַמיליע דריקן מיר אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל אין זייער שווערן אומגליק. מיר ווינשן זיי אַלעמען געטרייסט צו ווערן און איר זאָלט שוין מער קיינמאָל פון קיין צער ניט וויסן.

עדמאָנטאָנער פרויען חברה קדישא

זעליק סלוצקער ע״ה

(עדמאָנטאָן)

אונזער טרייסט און מיטגעפיל צו זיין פרוי און זיינע קינדער אויף דעם פריצייטיקן טויט פון זייער מאַן און פאָטער וועלכער איז אַזוי פריצייטיק אַוועק פון דער וועלט. מיר ווינשן אייך געטרייסט צו ווערן און מער קיינמאָל פון קיין צער ניט וויסן.

שמעלניצקי ברידער און פאַמיליעס

זעליק סלוצקער ע״ה

(עדמאָנטאָן)

צו זיין פרוי און קינדער און צו דער גאַנצער פאַמיליע דריקן מיר אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל אויף דעם פאַרלוסט פון זייער ליבן מאַן און פאָטער וועלכער איז פון זיי אָפּגעריסן געוואָרן אין זיינע מיטעלע יאָרן.

גאָט זאָל היילן אייערע פאַרוואונדעטע הערצער.

מיר ווינשן אייך אַלעמען געטרייסט צו ווערן און מער פון קיין צער ניט וויסן.

מוטער פאַראיין פון תלמוד תורה

זעליק סלוצקער ע״ה

(עדמאָנטאָן)

מיר פילן מיט דעם צער פון זיין פרוי און פון דער גאַנצער פאַמיליע דורך דעם שווערן פאַרלוסט פון זייער ליבן און טייערן מאַן און פאָטער. מיר וועלן אים שטענדיק דערמאָנען און געדיינקען ווי א גוטן מענטש. מיר ווינשן אייך אַלעמען געטרייסט צו ווערן און מער פון קיין צער ניט וויסן.

עדמאָנטאָנער חברה קדישא

זעליק סלוצקער ע״ה

(עדמאָנטאָן)

מיר דריקן אויס אונזער טיפן מיטגעפיל צו דער פרוי און קינדער אויפ׳ן פאַרלוסט פון זייער מאַן און פאָטער. מיר ווינשן זיי און דער גאַנצער פאַמיליע געטרייסט צו ווערן און מער פון קיין צער ניט וויסן.

מר. און מרס. מאָזעס שאַקטער

זעליק סלוצקער ע״ה

(עדמאָנטאָן)

אין טיפן טרויער אויף דעם האַרצרייסנדיקן אומגליק דריקן מיר אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל צו מרס. סלוצקי און די קינדער ווי אויך דער גאַנצער משפחה. מיר ווינשן אייך געטרייסט צו ווערן און מער פון קיין צער ניט וויסן.

מר. און מרס. ס. שוגערמאַן

(בוטשער)

זעליק סלוצקער ע״ה

(עדמאָנטאָן)

צו מרס. ז. סלוצקער און אירע קינדער דריק איך אויס מיין טיפסטן מיטגעפיל אין דעם גרויסן אומגליק וואָס עס האָט זי געטראָפן. איך ווינש זיי און דער גאַנצער פאַמיליע געטרייסט צו ווערן און מער פון קיין צער ניט וויסן.

מרס. ל. גאַרפּין

זעליק סלוצקער ע״ה

(עדמאָנטאָן)

צו אייך מרס. סלוצקער און אייערע קינדער און דער גאַנצער משפחה דריקן מיר אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל אין אייער גרויסן פאַרלוסט. גאָט זאָל אייך טרייסטן אין אייער אומגליק און איר זאָלט מער פון קיין צער ניט וויסן.

א. ניוהויז און פאַמיליע

זעליק סלוצקער ע״ה

(עדמאָנטאָן)

מיר דריקן אויס אונזער טיפן מיטגעפיל צו מרס. סלוצקער און אירע קינדער און דער גאַנצער פאַמיליע אין זייער טראַגישן פאַרלוסט. מיר ווינשן אייך געטרייסט צו ווערן און מער פון קיין צער ניט וויסן.

פ. גלאַזמאַן און קינדער

זעליק סלוצקער ע״ה

(עדמאָנטאָן)

אין טיפן טרויער דריקן מיר אויס אונזער מיטגעפיל צו דער פרוי און קינדער אויף דעם פאַרלוסט פון זייער ליבן מאַן און פאָטער. גאָט זאָל אייך טרייסטן און איר זאָלט מער קיינמאָל פון קיין צער ניט וויסן.

מר. און מרס. וו. ווייסמאַן

זעליק סלוצקער ע״ה

(עדמאָנטאָן)

צו מרס. סלוצקער און אירע פאַר׳יתומ׳טע קינדער דריקן מיר אויס אונזער האַרציקסטן מיטגעפיל אויף דעם פאַרלוסט פון זייער ליבן מאַן און פאָטער, וואָס איז אייך און אונזער פאַרלוסט אלס טרייער פריינט.

מיר ווינשן זיי געטרייסט צו ווערן און זיי זאָלן שוין מער פון קיין אומגליק ניט וויסן.

מר. און מרס. א. עסטריך

זעליק סלוצקער ע״ה

(עדמאָנטאָן)

מיט צער און טרויער באַדויערן מיר זיין טראַגישן טויט. מיר ווינשן זיין פרוי און קינדער און דער גאַנצער פאַמיליע געטרייסט צו ווערן און מער פון קיין צער ניט וויסן. המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

מר. און מרס. דזש. ה. סעמועלס

זעליק סלוצקער ע״ה

(עדמאָנטאָן)

צו מרס. סלוצקער און אירע פאַר׳יתומ׳טע קינדער דריקן מיר אויס אונזער האַרציקסטן מיטגעפיל אויף דעם פאַרלוסט פון זייער פריצייטיק פאַרשטאָרבענעם מאַן און פאָטער. המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

מר. און מרס. דזש. קאַגאַנאַ

זעליק סלוצקער ע״ה

(עדמאָנטאָן)

מיר טיילן מיט דעם גרויסן צער פון מרס. סלוצקי און אירע קינדער אויף דעם פריצייטיקן טויט פון זייער ליבן מאַן און פאָטער. מיר ווינשן זיי צו געטרייסט ווערן און מער פון קיין צער ניט וויסן.

מר. און מרס. ס. לעווין
מר. מ. גאָפּסקי

זעליק סלוצקעה ע״ה

(עדמאָנטאָן)

אין טיפן טרויער שטייען מיר ביי זיין פרישן קבר און דריקן אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל צו זיין פרוי און קינדער אין זייער גרויסן פאַרלוסט. מיר ווינשן זיי געטרייסט צו ווערן און מער קיינמאָל פון קיין צער ניט וויסן

מר. און מרס. וו. פּאָלסקי

זעליק סלוצקער ע״ה

(עדמאָנטאָן)

אין טיפן טרויער דריקן מיר אויס אונזער מיטגעפיל צו מרס. סלוצקער און אירע קינדער אויף דעם פריצייטיקן טויט פון זייער ליבן מאַן און פאָטער. זאָל די צייט היילן אייערע פאַרוואונדעטע הערצער און איר זאָלט מער פון קיין צער ניט וויסן.

מר. און מרס. סאָל שוגערמאַן

זעליק סלוצקער ע״ה

(עדמאָנטאָן)

מיר זיינען שטאַרק דערשיטערט פון דעם אומדערוואַרטעטן אומגליק וואָס עס האָט אייך געטראָפן מרס. סלוצקער און אייער פאַמיליע. מיר טיילן מיט אייער גרויסן צער. מיר ווינשן אייך אַלעמען געטרייסט צו ווערן און מער קיינמאָל פון קיין צער ניט וויסן.

מיטגלידער פון

עדמאָנטאָנער רויע פוטעראַג אַסאָסיאיישאָן

זעליק סלוצקער ע״ה

(עדמאָנטאָן)

מיט געבויגענע קעפּ שטייען מיר ביי זיין פרישן קבר און מיר דריקן אויס אונזער טיפן מיטגעפיל צו זיין פרוי און קינדער און דער גאַנצער משפחה אין זייער גרויסן פאַרלוסט. מיר ווינשן אייך אַלעמען געטרייסט צו ווערן און מער פון קיין צער ניט וויסן.

מר. און מרס. ס. דאָלגאָנקאַ

זעליק סלוצקער ע״ה

(עדמאָנטאָן)

מיר פילן מיט דעם דעם גרויסן צער פון דער אלמנה און די פאַר׳יתומ׳טע קינדער אין זייער טראַגישן פאַרלוסט פון זייער מאַן און פאָטער, וועלכער איז אָפּגעריסן געוואָרן פון זיי אין זיינע מיטעלע יאָרן.

גאָט זאָל אייך טרייסטן און איר זאָלט מער פון קיין צער ניט וויסן.

מר. און מרס. א. ווייזמאַן

זעליק סלוצקער ע״ה

(עדמאָנטאָן)

מיר טרויערן אויף זיין פריצייטיקן טויט. מיר שיקן אונזער טרייסט און מיטגעפיל צו דער פרוי און אירע פאַר׳יתומ׳טע קינדער אין זייער גרויסן פאַרלוסט. המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

מר. און מרס. ב. לאַזאָווסקי
מר. און מרס. ל. ליפּערשטיין

זעליק סלוצקער ע״ה

(עדמאָנטאָן)

מיר דריקן אויס אונזער טיפן מיטגעפיל צו דער אלמנה און יתומים און צו דער גאַנצער פאַמיליע אין זייער גרויסן אומגליק דורך דעם פאַרלוסט פון זייער טרייען מאַן און פאָטער. מיר ווינשן זיי געטרייסט צו ווערן און מער קיינמאָל פון קיין צער ניט וויסן.

מר. און מרס. ה. סאַטאַנאָוו

זעליק סלוצקער ע״ה

(עדמאָנטאָן)

צו זיין פרוי און קינדער און צו דער גאַנצער משפחה דריקן מיר אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל אין זייער גרויסן אומגליק מיר ווינשן אייך אַלעמען געטרייסט צו ווערן און מער קיינמאָל פון קיין צער ניט וויסן.

מר. און מרס. י. באָלצאַן
מר. און מרס. דזש. מ. זאַסלאַוו

זעליק סלוצקער ע״ה

(עדמאָנטאָן)

מיר דריקן אויס אונזער טיפן מיטגעפיל צו דער אלמנה און די יתומים אין זייער שווערן פאַרלוסט. מיר ווינשן זיי און דער גאַנצער פאַמיליע געטרייסט צו ווערן און מער פון קיין צער ניט וויסן.

מר. און מרס. סעם ראַדניאַנסקי

קלאַסיפייד סעקשען Classified Section

ספּעציעלע פּרייזן פאַר אַדווערטייזינג אין דער קלאַסיפיצירטער אָפּטיילונג

איין מאָל 5 ס. פּער "אגייט ליין" — פּאַר 3 מאָנאַטן $2.15
פּאַר א וואָך 20 כ — פּאַר 6 מאָנאַטן $4.00
פּאַר א מאָנאַט 75 כ — פּאַר 1 יאָר $7.50

:: צו פאַרקויפן ::
FOR SALE

8 רומיקע הויז מיט אַלע נייסטע און מאָדערנע איינריכטונגען אויף זייער א שיינעם און גרויסן לאָט אויף איינער פון די שענסטע גאַסן אין דעם נאָרדלאַכן טייל פון שטאָט, צום פאַרבייטן פאַר א הויז פון 6 צימערן.
האַנדלט שנעל אויב איר ווילט א שיינע היים אין שענסטן געגנט אין דער נאָרט ענד.
דעליקאַטעסן סטאָר צו פאַרבייטן פאַר א הויז אָדער קאָטעדזש. אייגנטימער מוז גלייך פאַרלאָזן די שטאָט דאָס איז א גוטע ביזנעס פאַר יעמאַנדן.
פרעגט זיך באַלד נאָך ביי די שעפּס איידזשענסים לטד.
גוטע סטאָר מיט 2 סוויטס פון 5 צימערן יעדער פיל מאָדערן אין זייער א גוטן לאָקיישאָן. פּאָזיטיוו זיכער צו מאַכן א פיינעם לעבן. אייגנטימער וויל זיך צוריקציען פון ביזנעס נאָך פיל יאָרן אין דעם זעלבן פּלאַץ וואו ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט! אויב איר האָט א הויז אָדער א קאָטעדזש קאָנט איר אויסבייטן פאַר דער סטאָר וואו איר זייט זיכער צו מאַכן א שיינעם לעבן.
סוויטס צו פאַררענטן אין פאַרשידענע בלאָקס אין דער נאָרט ענד.
אינשורענס פאַר אַלערליי צוועקן. געלט צו לייען אויף 6½ פּראָצענט.

Sheps Agencies Ltd.
804 מיין סטריט
טעלעפאָנס 53 807 און 55 761

צו פאַרקויפן א בוק־קייס ביליק.
זיך ווענדן אין 484 פלאָרא עווע.

צו פאַרקויפן אָדער פאַרבייטן

א גוטן שעוראָלעי טראַק, גרעיז און קעטל באָדי. זיך ווענדן אין 340 אַלפרעד עווע., טעלעפאָן 52 021.

צו פאַרקויפן א קאָנפעקשאָנערי און אַרבעטס קליידער סטאָר לעבן א גוטן אַרבעטס פּלאַץ, קליינער סטאָק, פיקסטשורס גערעכנט, $15 א מאָנאַט רענט, בלויז 3 שטונדן אַרבעט א טאָג. טעלעפאָנירט 25 204.

אסיניבאָין עווע., א 12 רום הויז אויף איינעם פון די שענסטע לאָטס אין שטאָט, ביים ברעג פון טייך. א הויז וואָס האָט געקאָסט דרייסיק טויזנט דאָלאַר צו בויען, אין ערשט־קלאַסיקן צושטאַנד, ניי דעקאָרירט און העכסט מאָדערן, מוז פאַרקויפט ווערן פאַר ווייניקער ווי האַלב פּרייז. דער גרעסטער באַרגיין אין שטאָט פאַר בלויז $12,500. קען געקויפט ווערן מיט קליינעם קעש פּיימענט. א גוטער אינוועסטמענט.
5 רום מאָדערן קאָטעדזש אין ערשט־קלאַסיקן צושטאַנד, מיט גוטן גאַראַדזש אויף א שיינעם לאָט אויף אַבערדין עווע., פּרייז בלויז $2,800 מיט $800 קעש.
אויב איר ווילט א הויז, זעט

ח. פּערלמאַן און נ. זעלטשען
MUTUAL AGENCIES
796 Main Street Phone 51 000

S S S S S S S S S S

היזער צו פאַרקויפן

א שיינער זעקס רומיקער פריים קאָטעדזש וואָס באַשטייט פון א גרויסער קיטשען און דיינינג רום מיט פרענטש טירן צו א גרויסער ליווינג רום, שיינער סאַן פּאַרלאָר און 3 בעדרומס. אוק פלאָרס דורכאויס און הייסע וואַסער באַהייצונג. שטייט אויף א 33 פוס לאָט שיין אַרומגערינגלט מיט ביימער און האָט א גרויסן סטאָקא גאַראַדזש. דאָס איז אין צווייטן בלאָק פון מיין סטריט אין סט. דזשאָנס דיסטריקט אויב איר זוכט א ריכטיק גוטע היים צו א באַרגיין פּרייז זעט עס. פאַר $3,300 מיט $500 קעש. פאַר אַפּאוינטמענט רופט אָפּ

MR. LAWRIE, OF
J. J. SWANSON & CO. LTD.
601 Paris Bldg., Phone 26 349
or Evgs. 503-007

היינט אויף דער ראַדיאָ

CKY
ווינניפּעג
מוזיק.—3.00
ליבעראַלע פּאַרטיי.—6.45
רעדע פון ה. ה. סטיווענס.—8.30
סטודיע נאָוועלטי.—9.30
סי. פּי. אַר. פּראָגראַם פון בענף—11.00
CNRW 780
ווינניפּעג
סאָפּראַנאָ, אינסטרומענטאַלער קוואַרטעט פון פאָרט גערי האָטעל.—7.00
CJRW 499.7
פלעמינג
מוזיק.—5.40
אַנקל פּיטער.—6.15
CJGX 650
יאָרקטאָן
פאַרמערס פּריירי ראַדיאָ שעה.—7.15
WLW 700
סינסינעטי, פּאַרשייד. פּאַלאַדיעס.—6.00
סינסינעטי, אָרקעסטער.—6.30
WBBM 770
שיקאַגאָ, אָרקעסטער.—7.00
WTAM 1070
קליוולאַנד "מאָטאָרס פּאַרטי".—7.30
WLW 700
סינסינעטי, געזאַנג פּראָגראַם.—8.00
WCCO 810
מינעאַפּאָליס־סט. פּאָל, פּיטשור.—9.00
WGN 720
שיקאַגאָ, אָרקעסטער.—9.30
WMAQ 670
שיקאַגאָ, טאַנץ מוזיק.—10.00
WBBM 770
שיקאַגאָ, טאַנץ מוזיק.—11.00

NEW PALACE THEATRE
היינט, מאָרגן און מיטוואָך
"היים פאַר פּאַריז"
דורכאויס ריידנדיק לאַכנדיק און זינגענדיק
אויך ריידנדיקע קאָמעדיע — פאָקס נייעס

:: פּערזענלאַכעס ::
PERSONAL

פּליכעוואַטע מענער — נייע האָר —
אין 10 ביז 60 טעג גאַראַנטירט; שאַרבן קרעץ, דענדראַף, שאַרבן עקזעמא, געהיילט דורך פּערזענלאַכער באַהאַנדלונג.
FRANKS, 207 Montgomery Bldg.
215½ Portage Ave.
א סך באַשטעטיקונגען אויפן פאַרלאַנג

SIMPSON & COMPANY
ביילעפס
לייסענסד און באָנדעד
ד. סימפּסאָן, מענעדזשער
404 McINTYRE BLOCK PH. 88 008

געלט!
פאַר אייערע באַלדיקע נויטן
$50 ביז $500
צוועלף מאָנאַטן צו באַצאָלן עס צוריק. ריזאָנייבל רייטס. פּינקטלאַכע באַדינונג. שטרענג פּריוואַט קאָנפידענציעל.
אָפן טעגלאַך ביז 7.30 נאָכמיטאָג.
General Loan and Insurance Agency
718 Somerset Block, Winnipeg
Phone 24 789

R. B. ORMISTON
פלאָריסט
צוויי סטאָרס צו אייער באַדינונג
96 Osborne St., Phone 42 386
340 Portage Ave., Phone 24 791
בלומען טעלעגראַפירט איבעראַל

פאָונדיישאָנס פאַר מצבות געמאַכט און פאַרריכט פאַר אייער צופרידנהייט.
JOHN SCHALER
Phone 5993921

A. MUIR
אוטאָריזירטער
דוקאָ פינישינג סטיישאָן
פענדערס און באָדי ריפּעירס
376 FURBY ST.
PH. 33 255

לייף אינשורענס
בעסער צו האָבן א פּאָליסי און ניט דאַרפן עס, איידער דאַרפן דאָס און ניט האָבן.
P. A. TEMPLETON
807 Electric Railway Chambers
Phone 89 688

Winnipeg Beach and Gimli
שוחט מ. קאָהן. צו יעדער צייט
אין
15 Spruce St.

:: צו פאַררענטן ::
FOR RENT

צו פאַררענטן דריי קאָטעדזשעס צו דריי רומס אין גרענד ביטש ביים לייק. טעלעפאָנירט 52 100.

פאַרלאַנגט א פרוי אָדער א קאַפּל צו פאַרנעמען א רום. געצאָלט ניט נויטיק. זיך ווענדן אין 744 סעלקירק עוועניו.

אַרבעטער פאַרלאַנגט
HELP WANTED

פאַרלאַנגט אן עקספּיריענסד קלערק סינגל מאַן, פאַר א קאַנטרי דזשענעראַל סטאָר. זאָל קאָנען ריידן גוט ענגליש, גוטער סיילסמאַן און סטאָקקיפּער. קיין אַנדערער זאָל זיך ניט ווענדן. זיך ווענדן אין
STONE FUR CO.
Winnipeg Piano Bldg., Winnipeg

פאַרלאַנגט אן עקספּיריענסד קלערק פאַר א דזשענעראַל סטאָר, מוז קאָנען ריידן אוקראַיניש און ענגליש. שרייבט וויפל געהאַלט פאַרלאַנגט און גיט אָן רעפערענסעס. זיך ווענדן צו "דאָס אידישע וואָרט" באָקס 564.

אין פּעלעס טעאַטער

איינע פון די אינטערעסאַנטסטע און העכסט אַמוזירנדיקע בילדער ווערט היינט געוויזן אין פּעלעס טעאַטער. דאָס בילד הייסט "היים פאַר פּאַריז", דאָס איז א דורכאויס ריידנדיק, לאַכנדיק און זינגענדיק בילד, געשפּילט פון ערשט קלאַסיקע אַקטיאָרן און אַקטריסעס. אויך א ריידנדיקע קאָמעדיע און פאָקס נייעס, צוליב דעם מאַניטאָבא דיימאָנד יובילי, דינסטאָג, דעם 15טן יולי, וועט זיך דער טעאַטער עפענען 12 אזייגער בייטאָג.

יעקב שמעלניצקי ע״ה

מיר דריקן אויס אונזער טיפן מיטגעפיל צו זיין פרוי און קינדער און צו דער גאַנצער פאַמיליע אין זייער שווערן פאַרלוסט. מיר ווינשן זיי געטרייסט צו ווערן און מער פון קיין צער ניט וויסן.

מר. און מרס. מ. סטיין
ווערינג, סאַסק.

פיינט אייער הויז איצט
שיין, גוט און ביליק
ראיעלע אַרבעט און צופרידנהייט
MAX GORDON
484 FLORA AVE.